# עונג יום טוב

## שבועות תשס"ו

גוט יום טוב אלע אידן.  לעצטע וואך האט מען אנגעהויבן צו דערציילן דעם אינטערעסאנטען מעשה וועגן א ספרדישער אינגערמאן "דוד בנהארוש", וואס איז געבליבן שטיין אויפן וועג קיין לעיקוואוד איין ערב שבת.  עס איז געווען נאך די שקיעה, און דוד האט נישט געוואוסט אפילו אויב עס איז בכלל געווען א שול אין דעם געגענט, אבער ער האט געהאפט און מתפלל געווען אז ער וועט עפעס טרעפן, ווייל ער האט נישט געהאט קיין עסן און נישט קיין פלאץ צו שלאפן.

ב"ה אז ר' דוד האט געטראפן א איד אויפן גאס און דוד האט אים געפרעגט וואו ער קען טרעפן א ארטאדאקסישע שול אין דעם געגענט.  כאטש אז יענער איד איז נישט געווען פרום, האט ער מסביר געווען דעם וועג צו א שול וואס יענער האט געמיינט איז ארטאדאקסיש, און דוד האט גענומען גיין אויפן וועג.  עס איז שוין געווען נאכט און לכאורה האבן אלע מתפללים שוין אהיימגעגאנגען אסאך פריער.  אבער, וואס האט ער געקענט טון?  ער האט געדארפט פרובירן צו טרעפן פרומע אידן.

בקיצור, איז דוד געגאנגען אויפן וועג וועהר ער האט פלוצלינג באמערקט א בחור וואס איז געקומען קעגען אים שנעלערהייט. דוד האט געזען אז דער בחור טראגט א רויטע דשזאקעט מיט א קאפעל אויף זיין קאפ! א איד! דוד האט געטראפן א פרומער איד אין אזא פרעמדען פלאץ!

"גוט שבת..." האט דוד גערופן צו דעם בחור.  "איך בין שטיין געבליבן דא אין מיטן דעם וועג קיין לעיקוואוד און איך זוך א שול..." האט דוד געזאגט צום בחור. "די שול איז יעצט פארמאכט, אבער דו קענסט אהיימקומען מיט מיר," האט דער בחור געזאגט.

דוד האט אנגעפאנגען צו גיין מיט דעם בחור.  "איך בין דיר זייער שטארק מכיר טוב.  ווי אזוי הייסטו, דרך אגב?"  "דזשאש האריסון, און ווי אזוי הייסטו?"

די צוויי האבן געשמועסט בשעת זיי זענען געגאנגען.  דוד האט צוגעהערט ווי דזשאש האט דערציילט אז אפילו ער גייט נאך אין פאבליק סקול, איז ער געווארן א שומר שבת א שטיק צייט פריער.  און ער לערנט כסדר מיט זיין רבי'ן, הרב שמעון סורצקין אין א כולל אין שטאט "מאנאלפאן" ניו דזשערסי, נישט ווייט פון זיין הויז.

"איך בין אמאל געווען אין לעיקוואוד," האט דזשאש דערציילט צו דוד מיט גרויס התרגשות, "און איך האב געהאט דעם כבוד צו טרעפן הרב נתן וואכטפאגל, ז"ל, דער געוועזענער משגיח פון בית מדרש גבוהה.  עס איז געווען א חודש פאר זיין הסתלקות.  איך בין אזוי שטארק נתעורר געווארן אין אידישקייט פון טרעפן אים, אז דורך דעם בין איך געווארן א בעל תשובה!"

דזשאש האט געברענגט דוד צו זיין הויז.  ער האט גלייך געוויזן פאר דוד די קאבינעטען אין דעם קאך וואס זענען געווען פיל מיט כשר'ע פראדאקטען און נאכדעם האט ער געוויזן צו דוד די ספרים וואס האבן אנגעפילט דעם שאנק.  "מיינע עלטערן זענען געוואלדיג.  [כאטש אפילו זיי אליינס זענען נאך נישט פרום], זיי שטיצען מיך זייער שטארק.  זיי זענען מיך זייער מכבד."  האט דזשאש געזאגט מיט א שמחה.

נאכדעם דזשאש האט פארגעשטעלט דוד צו זיינע עלטערן, וואס האבן אויפגענומען דעם סופרייז גאסט זייער ווארעם.  דאן האבן זיי זיך אראפגעזעצט עסן די שבת סעודה.  "געוועונטליך בין איך נישט דא שבת," האט דזשאש געזאגט צו דוד, מיינענדיג צו מרמז זיין אז דוד האט זוכה געווען צו האבן סייעתא דשמיא יענע שבת.  "חוץ דעם," האט דזשאש געזאגט ווייטער, "בין איך קיינמאל געבליבן אזוי שפעט אין שול.  און טאמער איך וואלט אהיימגעגאנגען פריער, אזוי ווי געוועונטליך, וואלט איך דיר קיינמאל נישט געטראפן אויפן וועג, און אויב אזוי וואלסטו געווען דא אליינס אין מיטן ערגעץ נישט.  זעסטו, עס זענען זייער ווייניג מענטשן וואס דאווענען אין יענעם שול, און קיינער פון זיי וואוינט דא ממש אין די געגענט."

עס איז געווען זייער א דערהויבענע שבת פאר יעדעם איינעם.  דאס דאווענען מיט די זמירות ביים שבת טיש, האט אויפגעהויבן דזשאש מיט ר' דוד אויך.  נאך שבת האבן די האריסונס (דזשאש'ס עלטערן) געברענגט דוד צו דעם טראק.  דוד האט זיי זייער שטארק באדאנקט פאר זייערע ווארעמע הכנסת אורחים.  "מיר דארפן אייך באדאנקען!" האבן זיי געזאגט צו דוד, "דאס איז די ערשטע מאל וואס מיר האבן געהאט א שבת גאסט!  עס איז געווען פאר אונז א ריזיגען פארגעניגען."  עס איז געווען א שבת וואס דוד און זיי וועלן קיינמאל נישט פארגעסן.

מיר קענען אפלערנען פון דעם מעשה אסאך ענינים. יעצט אז מיר שטייען גרייט צו מקבל זיין די תורה לאמיר לייגן דעם דגש אויף איין פרט פונעם מעשה.  דורך זען ב"ה דער היינטיגער כוואליע פון בעלי תשובה וואס ווייזן א שטארקע דארשט צו מקבל זיין די תורה, קענען מיר אלע אויך נתעורר ווערן.  אזוי ווי מען ברענגט כסדר די הייליגע ווערטער פון דעם מאור עינים זי"ע אז אין יעדען יום טוב זענען נתעורר די זעלבע השפעות פון דעמאלט.  ד"ה, אין שבועות באקומען אידן א התעוררות צו וועלן מקבל זיין די הייליגע תורה.  פונקט אזוי ווי אונזערע זיידעס האבן געהאט א שטארקע תשוקה צו מקבל זיין די תורה, אזוי אויך זאל דער אייבערשטער טאקע העלפן אז מיר זאלן אויך נתעורר ווערן צו וועלן מקבל זיין די תורה מתוך שמחה.  גוט יום טוב אלע אידן.

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים,
רחל בת פייגא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה